בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

חַג הַפֶּסַח

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

עֶנֶדערְשׁ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן אַסַאךְ, אָדֶער עֶנֶדֶערְשׁ וֵוייניגֶער אוּן קְלָארֶער?..א

מֶעג מֶען מַאכְן אַ גוֹרָל צוּ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן?......................ד

מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי ווִילְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, וָואס טוּ אִיךְ?......................ה

מַיין אִינְגֶל נֶעמְט יֶעדֶע מִצְוָה מִיט צוּפִיל דְּקְדּוּק, ווִי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ אִים?......ו

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זָאגְט לִיגְנְט?......................ח

ווִי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד?..........י

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?......................יא

דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן אוּן מִקְוֶה?......................יג

מַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן קֶעגְן מַיין רֶבִּי, מֶעג אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן?..........יד

אַ מֵיידֶל וָואס אַרְבֶּעט, קֶען נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פַאר זִיךְ, אָדֶער גֶעבְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן?......................טז

ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?..........יז

ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע?..........יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

נִישְׁט רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים בִּיז ווִי לַאנְג עֶס וֶוערְט..........א

מַאךְ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת..........ב

נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל..........ג

זַייטְס זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶעם שַׁבָּת..........ה

טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער..........ה

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ אוּן טוּ תְּשׁוּבָה..........ה

זָאגְטְס אַבִּיסְל תְּהִלִים יֶעדְן טָאג..........ז

אוֹיבּ זִי וֶועט שֶׁערְן דִי הָאר, וֶועט זִי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער...ז

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן דַאֲגוֹת.......................... ח
נוּץ אוֹיס דִי צַייט מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה.......................... ט
קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז.......................... י
זֶע צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.......................... יא
הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ רֵיין.......................... יב
מִיר וֶועלְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי קָארָאנֶע נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא.......................... יב
אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.......................... יג
101 מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.......................... יד
אִין זְכוּת פוּן שֶׁערְן דִי הָאר, וֶועט אִיר הָאבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.......................... טו
אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר.......................... טז
פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים.......................... יח
זֶע צוּ וֶוערְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט אֱמוּנָה.......................... יח
שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.......................... יט
מִיר לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.......................... כ
יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין מִיט דִי סְקוּל.......................... כא
אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶּער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?.......................... כב
דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.......................... כג
מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וֶועלְן מִיר מְבַטֵּל זַיין אַלֶע מַחְלוֹת אוּן חֳלָאִים רָעִים.......................... כה
לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין ווִילְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.......................... כו
שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וֶועט אִיר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן.......................... כז
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ.......................... כח
וֶועלְכֶע סָארְט תְּכֵלֶת זָאל מֶען נוּצְן אוֹיף דִי צִיצִית?.......................... כט
זַיי מְחַזֵּק דַיין מִשְׁפָּחָה נָאךְ דִי טְרַאגֶעדִיֶע.......................... ל
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעמַאכְט נִיסִים, אוּן עֶר וֶועט אַייךְ אוֹיךְ וַוייטֶער הֶעלְפְן.......................... לא
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב.......................... לב
אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.......................... לג
הֶעלְף אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ.......................... לה
דִי מִצְוָה פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ.......................... לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן אַסַאךְ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ וֵויינִיגֶער אוּן קְלָארֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער לֶעצְטְנְס אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אוּן עֶס הָאט מִיר פִיל גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְן, סְפֶּעצִיעֶל פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד הָאט מִיר גֶעמַאכְט צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אָנְהוֹיבְן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אִיבֶער אַ בָּחוּר וָואס אִיךְ קֶען, וָואס צְוֵויי פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט לֵיידִיג אָן קַיין שׁוּם תּוֹכֶן אוּן נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי הַנְהָלָה פוּן זַיין יְשִׁיבָה. לֶעצְטְנְס אִיז עֶר גֶעווָאוֹיר גֶעוָוארְן פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן זַיין לֶעבְן הָאט זִיךְ מַמָשׁ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט פוּן הִימְל בִּיז עֶרְד, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ מֵיין אַז פַאר דֶעם בָּחוּר אַלֵיין הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעלוֹינְט דֶעם גַאנְצְן טֶעלֶעפָאן לֵיין.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אָבֶער יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט קוּמְט מִיר אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אַז אִיךְ קֶען יָא פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אַז אִיךְ לֶערְן שְׁנֶעל אַ דְרֵיי בְּלַאט אוּן נָאכְדֶעם הוֹיבּ אִיךְ אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל שְׁטַייט פַאר אֵיין בְּלַאט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוער אִיךְ נֶערְוֶועז אוּן אִיךְ רוּק זִיךְ וַוייטֶער שְׁנֶעל דְרֵיי בְּלַאט, אוּן נָאכְדֶעם וַוייטֶער אַבִּיסְל שְׁטַייט, אַזוֹי גֵייט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אִיךְ וֶוער אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ אוּמְגֵיין, וַוייל אִיךְ ווִיל יָא קֶענֶען אָנְקוּמֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים. אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שְׁטַייטְלִיךְ; זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל הָאבְּן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק קְוֶועטְשְׁן נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען בְּגִירְסָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עַיֵּין שַׁבָּת סג.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'", וַוייל אַז מֶען

גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עיי"ש.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל וְכוּ', דוּ וֶועסְט זַיין מְסוּדָר אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען מַאכְן אַ גוֹרָל צוּ וויסְן וָואס צוּ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וָואס צוּ טוּן אוּן אִיךְ פִּיר זִיךְ צוּ זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אוּן צוּ מַאכְן אַ גוֹרָל וָואס צוּ טוּן, אוּן אִיךְ טוּ לוֹיט וִוי דֶער גוֹרָל קוּמְט אוֹיס, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג אַזוֹי צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ גוֹרָל. דֶער הֵיילִיגֶער מְחַבֵּר זָאגְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קעט, סְעִיף א): "אֵין שׁוֹאֲלִים בְּחוֹזִים בַּכּוֹכָבִים וְלֹא בְּגוֹרָלוֹת", מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ גוֹרָל צוּ וויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (דְּבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן; יֶעדֶעס מָאל דוּ הָאסְט אַ סָפֵק וָואס צוּ טוּן זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וויסְן וָואס צוּ טוּן, יָא אָדֶער נֵיין, אַהֶער אָדֶער אַהִין, שְׁוַוארְץ אָדֶער וַוייס"**; וֶועסְטוּ וויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דָאס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, מִיר זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן"**. רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח) דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דַאוֶועְנְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער פוּן 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ' דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ תְּפִלָּה"; וַוייל דֶער עִיקָּר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס

**צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן". אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טַאטֶע זִיסֶער, גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה, אִיךְ זָאל וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי ווִילְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

לֶעצְטְנְס הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ אוּן דִי מֵיידְל'ס מִשְׁפָּחָה פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל נָאךְ דִי חֲתוּנָה פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, אִיךְ אַרְבֶּעט שׁוֹין יֶעצְט רוֹב טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אִין טָאג. אִיךְ מֵיין אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין כּוֹלֵל, אִיךְ וֶועל נָאר הָאבְּן שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, וֶועט זֵי מִיר נִישְׁט אַרוֹיפְקוּקְן, ווַייל אִיר הָאט מֶען אַזוֹי מְחַנֵּךְ גֶעוֶועְן אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז מֶען רֶעדְט דִיר אַ שִׁידוּךְ אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז יָא כּוֹלֵל אָדֶער נִישְׁט כּוֹלֵל, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן צוּ טוּן דֶעם שִׁידוּךְ.**

נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ וֶועסְטוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ב): "יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן אַרְבֶּעטְן, אַזוֹי אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט צוּ טוּן נַארִישְׁקַייטְן.

מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, לֶערְנֶען פְּלַייסִיג יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען קֶען זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן בַּטְלְ'ן דִי צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

...

### מַיין אִינְגְל נֶעמְט יֶעדֶע מַצָּה מִיט צוּפִיל דְרוּק, וִוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ אִים?

**שְׁאֵלָה**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי דְּרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק, זֵיי מַאכְן מִיר קְלָאר דֶעם מֹחַ אוּן וַוארֶעמֶען אָן מַיין הַארְץ.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט מַיין אַכְט יֶערִיג אִינְגְל וָואס הָאט לֶעצְטְנְס אַסַאךְ אַבְּסֶעסְיֶעס. עֶר וַואשְׁט כְּסֵדֶר דִי הֶענְט עֶר זָאל נִישְׁט זַיין טָמֵא, עֶר הַאלְט אִין אֵיין מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיב עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, אֶפְשָׁר הָאט עֶר פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶר הַאלְט אִין אֵיין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר בֶּעט כְּסֵדֶר אִיבֶּער זַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אָבֶּער אַלֶעס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְרוּק אוּן פְּרֶעשׁוּר.

וִוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען אִים?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער; בִּפְרַט וֶוען מֶען

לֶערְנְט מִיט זֵיי מִצְוֹת דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען לֵייגְט זֵיי דָאס אַרַיין, זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט נֶעמֶען מִיט נֶערְוְון, זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת מִיט חָכְמוֹת וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרַיין אִין אִים מִיט אַ פְּרֶעשׁוּר, עֶר טוּט דִי מִצְוֹת מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה קֶען מֶען דָאס נָאר אַרוֹיסְנֶעמֶען מִיט חָכְמָה, מֶען קֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִים אָדֶער אִים נֵייטְן צוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ, מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה דָאס אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען; אִים אוֹיפְהֵייבְּן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִים אוֹיסְלוֹיבְּן וִוי ווּאוּיל עֶר אִיז אוּן וִוי טֵייעֶר עֶר אִיז - דוּרְכְדֶעם וֶועט אַוֶועק פַאלְן דִי נֶערְוְון. וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאל מֶען אִים זָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כז): "מִי שֶׁמְּנַקֶּה בְּכָל עֵת יָדָיו, עַל יְדֵי זֶה מְזַכֶּה אֶת לִבּוֹ", וֶוער עֶס וַואשְׁט זִיךְ כְּסֵדֶר זַיינֶע הֶענְט מִיט דֶעם וַואשְׁט עֶר זִיךְ אָפּ זַיין הַארְץ; אוּן וֶוען עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וְכוּ' דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלוֹיבְּן וִוי עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶר בֶּעט אִיבֶּער דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאל מֶען דָאס אוֹיסְלוֹיבְּן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; מֶען דַארְף מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אִים לְטוֹבָה, אַזוֹי וֶועט אַוֶועק פַאלְן אַלֶע נֶערְוְון. וַוייל נֶערְוְון גֵייט נִישְׁט

צוּזַאמֶען מִיט שִׂמְחָה; שִׂמְחָה שְׁטוּפְּט אַוֶּועק עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה.

בֶּעסֶער וָואלְט גֶעוֶועזְן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דָא דִי גַאנְצֶע פְּרֶעשׁוּר, אָבֶער אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דֶעם סָארְט יֵצֶר הָרָע, מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט פָּטוּר דֶערְפוּן.

...

**וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זָאגְט לִיגְנְט?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווי אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן מִיט אַ פִיר יֶערִיג קִינְד, וָואס הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן לִיגְנְט, און מַאכְט אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַסַאךְ מָאל הָאבְּן קִינְדֶער מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף וְכוּ׳, דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז מֶען זָאל זָאגְן פַארְ׳ן קִינְד: ״אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן אֱמֶת וֶועסְטוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׁטְרָאף, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן לִיגֶענְט וֶועט מֶען דִיר דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף״, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי זָאגְן דֶעם אֱמֶת.

צוּם בַּיישְׁפִּיל, מֶען טְרֶעפְט אַמָאל בַּיי קִינְדֶער אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ אָדֶער גֶעלְט און וֶוען מֶען פְרֶעגְט זֵיי פוּן וואוּ זֵיי הָאבְּן דָאס, הֵייבְּן זֵיי אָן מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה וְכוּ׳; דַארְף מֶען זָאגְן פַארְ׳ן קִינְד: ״אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת וֶועט מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אָבֶער אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן לִיגֶענְט וֶועט מֶען דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף״; מֶען דַארְף הֶעלְפְן דָאס קִינְד זָאגְן דֶעם אֱמֶת, מֶען פְרֶעגְט: ״פוּן וֶועם הָאסְטוּ דָאס גֶע׳גַנְבְ׳ט? פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶענוּמֶען?״ בִּיז דִי אֱמֶת קוּמְט אַרוֹיס, דָאס קִינְד אִיז מוֹדֶה פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס צוּרִיק צוּ

גֶעבְּן אוּן מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'נֶען, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן גְנֵיבָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז חִינוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; חִינוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע וֶועג אָבֶּער בַּיים סוֹף אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע וֶועג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נג:) רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה הָאט גֶעזָאגְט: קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט אִיבֶּער גֶעקְלוּגְט אַזוֹי וִוי דֶער קִינְד וָואס הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר וַוייזְן דִי אַריינְגַאנְג צוּם שְׁטָאט, דֶער קִינְד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אַ קוּרְצֶע-לַאנְגֶע וֶועג אוּן אַ לַאנְגֶע-קוּרְצֶע וֶועג; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, הָאט מִיר דֶער קִינְד מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אֵיין וֶועג זֶעט אוֹיס צוּ זַיין אִין אָנְהֵייבּ גְרִינְג אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז דָאס אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם שְׁטָאט, נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג אָבֶּער בַּיים סוֹף אִיז דָאס גְרִינְג; דָאס אִיז חִינוּךְ, וֶוער עֶס אַרְבֶּעט שְׁוֶוער בַּיים אָנְהֵייבּ, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין גֶעבְּט עֶר זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג - דָאךְ אַרְבֶּעט עֶר מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, עֶר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי זֵיי, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דִי גְרִינְגֶע וֶועג אִין אָנְהֵייבּ, מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווילְן, וֶועט בַּיים סוֹף זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִילִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

## ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְרָשׁוֹת, וּבִפְרַט יֶעצְט וֶוען אִיךְ לֶערְן שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אוּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט עֶטְלִיכֶע מַסֶּכְתּוֹת הַשַּׁ"ס, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, יֶעצְט וויל אִיךְ לֶערְנֶען הִלְכוֹת פֶּסַח, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל לֶערְנֶען בְּלוֹיז מְחַבֵּר רְמָ"א, אָדֶער מִיט מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אָדֶער נָאר מִיט בְּאֵר הֵיטֵב, ווייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל צַייט פַאר דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ יֶעדְן טָאג, אַזוֹי ווי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים וְלֹא יַעֲבֹר, וְאַף אִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ, כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", יֶעדֶער אִיד דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט מֶען אִיז אַן אוֹנֶס, דַאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֲפִילוּ שֶׁלֹּא כְּסִדְרָן, ווייל יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, "וּכְשֶׁאֵינוֹ אָנוּס יִלְמַד כְּסֵדֶר כָּל הָאַרְבָּעָה 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' מִדֵּי יוֹם בְּיוֹמוֹ, וּכְשֶׁיִּגְמֹר וִיסַיֵּם הָאַרְבָּעָה 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' יַחֲזֹר וְיַתְחִיל לְלָמְדָם כְּסֵדֶר, וְכֵן יִנְהַג כָּל יְמֵי חַיָּיו", אוּן וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אוֹנֶס זָאל עֶר זֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף אַ סֵדֶר, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי זָאל מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן צְוֵויי שִׁיעוּרִים אִין הֲלָכָה, אֵיין שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים - דָאס אִיז "מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א", אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים - אַ שִׁיעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אַרוּם דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ: טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם וְכוּ'. מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר מְחַבֵּר רְמָ"א; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִיט טַלִּית וּתְפִילִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם אַבִּיסְל הֲלָכָה, דָאס פְלֶעגְט זַיין דֶער סִימָן פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד - אַז עֶר הַאלְט אִין טַלִּית בַּייטְל אַ קְלֵיינֶעם 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ'. דִי אַנְדֶערֶע שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען לוֹיט'ן סֵדֶר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵּלִים בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה, אוּן פַאר אַ יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ הֶער שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, יֶעצְט אִין דִי שְׁוֶוערֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע צַייט פוּן דִי קָארָאנֶע וַויירוּס קוּמְט עֶס דָאס מֶערְסְטֶע צוּנִיץ. אוּן מֶען זֶעט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מוּז יֶעצְט צוּקוּמֶען צוּ דִי עֵצוֹת. מֶען דַארְף זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין מִיט חֲבֵרִים. יֶעצְט דַארְף דִי וַוייבּ נָאךְ פִּיל מֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן חִיזּוּק, אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֵוייסְט מֶען ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ יְשׁוּעָה אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים.

אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וֵוייס אִיךְ אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר אַלֶעמָאל, אוּן אִיךְ קֶען אַלְץ אוּן אִיבֶּעְרָאל דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּ אִים.

מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן מַאכְן יֶעצְט חֲתוּנָה אִינְדֶערְהֵיים מִיט קוֹיִם אַ מִנְיָן אִידְן, אָן דִי אַלֶע

איבּריגע נארישקייטן.

איך האב געטראכט נאך א זאך, אז עס זענען דא ברסלב'ע פרויען וואס שיקן די מענער קיין אומאן אויף ראש השנה, אפילו זיי דארפן דעמאלט האבן וכו', און יעצט זעט מען אז פילע הונדערטער פרויען זענען געגאנגען אין שפיטאל האבן אן די מענער, ווייל מען לאזט נישט די מענער מיטקומען אין שפיטאל.

איך האב געוואלט פרעגן וואס מען קען טון ווען מען דארף גיין אין מקוה, און מען קען נישט. איז דא עפעס אן עצה אויף דעם?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין מִיט ט׳ קַבִּים; לָאז רִינֶען די וַואסֶער פוּן שׁוּיעֶר אוֹיף דִיר פַאר בְּעֶרֶךְ פִינְף מִינוּט, דָאס וֶועט זַיין בִּמְקוֹם מִקְוֶה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הֶעלְפְט נָאר פַאר אַ מַאן אוּן נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה; שִׂמְחָה אִיז אַ הֵיילוּנְג פַאר אַלֶע מַחְלוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ די עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אַלֶע מַחְלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: ״וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה״, אוֹיךְ די דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ

נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן אוּן מִקְוָה ?

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק כְּסֵדֶר. אִיךְ וואוין נִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע, אָבֶּער אוֹיךְ דָא קוּמְט אָן דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן מִיר הַאלְטְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן.

יֶעצְט אִיז דָא פַארְשְׁפַּארְט אַלֶע יְשִׁיבוֹת, חֲדָרִים, בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן מִקְוָאוֹת, צוּלִיב דִי קָארָאנֶע וֵוירוּס. עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן אוּן אַ מִקְוָה, ווִיל אִיךְ וִויסְן וִויפִיל אִיךְ דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ זוּכְן אַ מִקְוָה אוּן אַ מִנְיָן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְן מִיר וִויסְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר פַארְגֶעסְן נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר וֵוייסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶר אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין ; אַלֶעס אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיין וָואס פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר פִירְט דָאס מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט.

וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ ; מֶען לֶעבְּט מִיט בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר גֶעבְּט לֶעבְּן אוּן עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה פוּן קָארָאנֶע אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים.

יֶעצְט דַארְפְן מִיר מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה כו, כ): "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם"; עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מִיר דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין גַאס וְכוּ'. מִיר דַארְפְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

יֶעצְט וֶוען אַלֶע מִקְוָאוֹת זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן קֶען מֶען נוּצְן ט' קַבִּים וַואסֶער אַנְשְׁטָאט מִקְוֶה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר פַאר מֶענֶער אוּן נָאר וִוילַאנְג עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מִקְוָאוֹת.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִנְיָן דַאוֶונְט מֶען אָן מִנְיָן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוּן וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אוּן עֶר נֶעמְט עֶס אָן אַזוֹי וִוי מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אוּן עֶר זָאל אוּנְז אַהֵיים טְרָאגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### מַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן קֶעגְן מַיין רֶבִּי, מֶעג אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס דְרָשׁוֹת, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר נִזְהָר צוּ זַיין אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, זֵיי מְכַבֵּד צוּ זַיין אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן מִיר אָן.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אַז מַיין רֶבִּי אִיז נִישְׁט קַיין רֶבִּי, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט נִישְׁט שֵׁיינֶע לְשׁוֹנוֹת אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ אִיךְ דְרֵיי זִיךְ. מֶעג אִיךְ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן אַז דָאס אִיז מַיין רֶבִּי אוּן אִיךְ טָאר נִישְׁט הֶערְן רֶעדְן קֶעגְן אִים, אָדֶער עֶפֶּעס עֶנְלִיךְ אוֹיף אַן אֵיידֶעלֶע וֶועג, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אָפְּשְׁוַוייגְן

אַזוֹי ווי אויף די אַנְדֶערֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ כַאפּ כְּסֵדֶר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דַיין רֶבִּי אִיז און אִין וֶועלְכֶע פְּלַאץ דו דְרֵייסְט זִיךְ; אוֹיבּ אִיז דַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און דו דְרֵייסְט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ אַוַדַאי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען שְׁרַייט און מֶען שְׁפֶּעט פון אוּנְז. אַז דו וֶועסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ די רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ו): ״וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״, אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט און מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר ווי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אָפְּשְׁוַוייגְן וֶוען מֶען הָאט אַ בִּזָיוֹן. מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, אוֹיפְ׳ן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵּד און גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ׳ן טְשֶׁערִינֶער רַב אַ שְׁטִיק צוֹאָה, דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע און די בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם מִתְנַגֵּד און אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן: ״שֵׁגֶץ!״ וְכוּ׳ און דֶער מִתְנַגֵּד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ׳. הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב אִים אָנְגֶעכַאפְּט און גֶעזָאגְט: ״שְׁוַוייג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ״, און עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: ״אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף די וֶועלְט״.

עֶנְטְפֶער נִישְׁט קֵיינֶעם, בִּפְרַט דַיינֶע עֶלְטֶערְן; אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן און אוֹיף בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטִיל און גֶעלַאסְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אָפְּשְׁטִילְן אַלֶע מַחְלוֹקֶת און קְרִיגֶערַייעֶן. קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט קֶענֶען אָפְּשְׁוַואכְן, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן לה): ״מִי שֶׁהוּא עָצוּר בְּמִלִּין, לֹא יוּכַל אוֹתוֹ שׁוּם אָדָם״, וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט און רֶעדְט נִישְׁט, קֶען

אִים קֵיינֶער נִישְׁט בֵּייקוּמֶען.

אִין זְכוּת וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## אַ מֵיידְל וָואס אַרְבֶּעט, קֶען נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פַאר זִיךְ, אָדֶער גֶעבְּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ גֵיי נִישְׁט אִין דִי "בֵּית פֵיגָא" סְקוּל, אִיז אָבֶּער מַיין גַאנְצֶער מֹחַ דָארְט, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן דָאס אִיז מַיין וֶועגְוַוייזֶער אִין לֶעבְּן. סְפֶּעצִיעֶל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פָארְשְׁטֶעלוּנְג: "דֶער בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרֶעמַאן", פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק הַנָאָה גֶעהַאט.

אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין אוּן אִיךְ פַארְדִין גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן מִיט דִי גֶעלְט, זָאל אִיךְ עֶס אַוֶועקְלֵייגְן פַאר מִיר אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶס גֶעבְּן פַאר מַיין טַאטֶע? אוּן דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אוֹיף דִי טִיפְּס וָואס אִיךְ בַּאקוּם אוּם חֲנוּכָּה אוּן פּוּרִים.

אוֹיךְ קוּמְט מִיר אוֹיס אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ וִויל זִיךְ יֶעצְט עֶפֶּעס קוֹיפְן, וִוי לְמָשָׁל אַ קֶעמְעֶרֶע אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מֶעג אִיךְ דָאס קוֹיפְן פוּן מַיין אֵייגְן גֶעלְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ',

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

איך פְרֵיי זיך זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אַייעֶר לֶעבְּן נֶעמְט איר פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז אַייעֶר וֶועג וַוייזֶער; וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט אַ צַדִיק הָאט מֶען אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי קְלָאר וִוי מֶען זֶעט דָאס מִיט דִי אוֹיגְן, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גְרִינְגֶער מִיט אֱמוּנָה.

בִּיז אַייעֶר חֲתוּנָה זָאלְט אִיר גֶעבְּן אַייעֶר גֶעלְט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִיר וואוֹינְט דָאךְ בַּיי זֵיי, אִיר לֶעבְּט דָאךְ אוֹיף זֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן, זָאלְט אִיר זֵיי גֶעבְּן אַייעֶרֶע פַארְדִינְסְטְן און וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר זֵיי פְרֶעגְן און בֶּעטְן, וֶועלְן זֵיי אַייךְ גֶעבְּן.

אַז אַייעֶר גַאנְצֶע מֹחַ אִיז אִין "בֵּית פֵיגָא" דַארְפְט אִיר זִיךְ פִירְן וִוי דִי תַּלְמִידוֹת פוּן "בֵּית פֵיגָא"; אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִים", אַזוֹי וֶועט אִיר עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט אַייךְ. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא פְּרוּבִּירְן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן.

בִּשְׁעַת אִיר זָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים זָאלְט אִיר אַרַיין פְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ; וָואס אִיר דַארְפְט און וָואס אִיר ווילְט זָאלְט אִיר אִים בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶ' און מְחַזֵק מִיט דִי דְרָשׁוֹת און עֵצוֹת צוּ יֶעדֶע צַייט. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ וֵוייס און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן רֶעדְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, און אַלְס אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ גֶענוּג און נָאךְ וָואס צוּ בֶּעטְן, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ אָבֶער נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וויפִיל אִיךְ הֶער וֶועגְן דֶעם און אִיךְ נֶעם

זִיךְ אוּנְטֶער אַז אִיךְ גֵיי עֶס טוּן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה רֶעד אִיךְ נִישְׁט צוּם אַייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָא אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

אוֹיךְ לַייד אִיךְ אַסַאךְ פוּן פוֹילְקֵייט, אוּן אִיךְ זוּךְ אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ',

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל אַייךְ קוֹדֶם עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַייעֶר צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפט) אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, וַוייל דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", דֶעם שְׁלַאנְגְס עֶסְן אִיז עֶרְד; דֶער שְׁלַאנְג אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, זַיין זַאךְ אִיז עֶרְד, וָואס פוּן עֶרְד קוּמְט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן פוּן פוֹילְקֵייט אוּן צוּגֶעלֵייגְטְקֵייט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי נַאטוּרְן וָואס קוּמְט פוּן עֶרְד.

וֶוען מֶען הָאט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוֹילְקֵייט, דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי עֵצָה וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ה', אוֹת מ), דִי עֵצָה פוּן אֱמוּנָה; אֱמוּנָה קוּמְט אוֹיךְ פוּן עֶרְד, עֶס אִיז אָבֶּער פוּן הֵיילִיגֶע עֶרְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, ג): "שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה"; אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הֵייבְּט מֶען אָן בַּאקוּמֶען חַיּוּת, מֶען ווִיל לֶעבְּן, מֶען ווִיל אוֹיפְטוּן, מֶען ווִיל וָואקְסְן, מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין; אֱמוּנָה הֵייבְּט דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר אַז אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט פוֹיל, אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין מוּט, זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אִיר זָאלְט רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה מִיט אַנְדֶערֶע אוּן אוֹיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיינְס. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט הֶערְן נִיגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועט בַּיי אַייךְ גֶעשְׁטַארְקְט וֶוערְן דֶער מוּט, אִיר וֶועט הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ טוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן זְרִיזוּת.

דָאס וֶועט שׁוֹין זַיין אַן עֵצָה פַאר אַייעֶר עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע, וָואס צוּ טוּן צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה; וַוייל אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, 'מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען גְרִינְג צוּ אִים. וֶוען אַ מֶענְטְש גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן הֶערְט צוּ וָואס עֶר בֶּעט אִים, וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶונְט יֶעדֶעס וָוארְט מִיט כַּוָּונָה. דֶער סִיבָּה פַארְוָואס מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין תְּפִילָּה אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ דָא, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה', וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְש וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶונְט אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט אִים, וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶונְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין אַלֶע תְּחוּמִים אִין לֶעבְּן, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִיךְ בַּאצָאלְן בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם.

אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְש וָואס טוּישְׁט כְּסֵדֶר דִי גִיסְטֶע, אַמָאל בִּין אִיךְ אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע אוּן אַמָאל אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. אִיךְ וִויל אַלְץ זַיין גוּטְמוּטִיג אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אָבֶּער וֶוען אִיךְ פַאל אַרַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע, קֶען אִיךְ זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן. וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ, אָדֶער צוּ טוּן עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע גוּטֶע זַאךְ, דַאן וֶוער אִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אָבֶּער בִּיז דַאן דַארְף אִיךְ אוֹיךְ אַן עֵצָה.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן אַלְץ בְּשִׂמְחָה אוּן אִין אַ גוּטֶע מוּט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה מֵאֵת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת", דֶער נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּ זַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, "מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים", וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועריקֵייטְן, יֶעדֶער אִיז אָנְגֶעפּוּלְט מִיט יְסוּרִים, "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, "וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל, וַאֲפִלּוּ בְּמִלֵּי דִשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, אֲפִילוּ מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.**

**זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרִיוַואטֶע פְּרָאבְּלֶעם, אַז דוּ פַאלְסְט כְּסֵדֶר אַרַיין אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע גוּסְטֶע, נָאר דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹי; דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן בַּאזָארְגְט, אוּן אַלֶע דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס אִימֶער, מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.**

**דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז בֶּעטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דִי תְּפִלָּה:**

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין קַיין שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דָאס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן; אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן דִי אַנְדֶערֶע מִינוּט פַאל אִיךְ אַרַיין אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן דִי אַנְדֶערֶע מִינוּט בִּין אִיךְ אִימְרוּאִיג; אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ, רוּאִיג אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס וִויל מִיר נָאר דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן**

דֶערְבִּיטֶערְן, מִיר צוּנֶעמֶען מַיין רוּאִיגֶע לֶעבְּן.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נִישְׁט רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים בִּיז ווִי לַאנְג עֶס וֶוערְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא-פָּרָה, י"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

כָּל הַכָּבוֹד פַאר אַייךְ אַז אִיר פְּרוּבִירְט צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן מִיט שֵׁיינֶעם אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיר טוּט; אַז אִיר רֶעדְט אַ שִׁידוּךְ וְכוּ' דַארְף דָאס זַיין פְּרִיוַואט, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם פוּנֶעם שִׁידוּךְ בִּיז דֶער שִׁידוּךְ וֶוערְט, אוּן אַז עֶס וֶוערְט נִישְׁט טָאר קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן דֶערְפוּן.

קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט מִיט הַאלְטְן אַייעֶרֶע זִיסֶע חֲלוֹמוֹת בְּעִנְיָנֵי שִׁידוּכִים; אַז אִיר חָלוֹמְ'ט פוּן מַאכְן אַ שִׁידוּךְ דַארְפְט אִיר דָאס נִישְׁט רֶעדְן אוּן פְּלוֹישְׁן פַאר אַנְדֶערֶע. עֶס עֶקֶלְט מִיר צוּ הֶערְן פוּן דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אַז דֶער וֶוערְט אַ חָתָן מִיט דֶעם אוּן דֶער וֶוערְט אַ חָתָן בַּיי דֶעם, יֶעצְט הָאט זִיךְ דָאס אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין סְקוּל; דִי מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים צְווִישְׁן זִיךְ אוּן דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן אַייךְ. אִיר פַארְצֵיילְט אַייעֶרֶע חֲלוֹמוֹת נָאר פַאר אַייעֶר שְׁווִיגֶער אוּן אַייעֶר שְׁווִיגֶער פַארְצֵיילְט דָאס נָאר פַאר דֶעם, אוּן דֶער פַאר דֶעם. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט צוּ טוּן מִיט אֵיינֶעם בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה וָואס הָאט זִיךְ אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט ווִי אַ שַׁדְכָן מִיט אַ לוֹיזֶע מוֹיל, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעדַארְפְט לֵייגְן אִין דִי זַייט; יֶעצְט אִיז מִיר גֶעקוּמֶען אַ פְּרִישֶׁע צָרָה אִין ווַייבֶּער שׁוּל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מִיט שֵׁיינֶעם: אָדֶער פַארְמַאכְט אִיר דָאס מוֹיל אוּן אִיר רֶעדְט

נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אַייעֶרע חֲלוֹמוֹת, אָדֶער שְׁטֵייט וַוייט פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת.

...

**מַאךְ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק! גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין סֵפֶר שְׁמוֹת, גַאנְצֶע צֶען וָואכְן זֶענֶען אַרִיבֶּער וָואס מִיר הָאבְּן יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט חוּמָּשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם. ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר, ווִי פְרֵיילִיךְ דַארְפְן מִיר זַיין אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז סְחוֹרָה אִין דִי הֶענְט, אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן, אַ רֶבִּי וָואס לָאזְט אוּנְז נִישְׁט שְׁלָאפְן; עֶר וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

לָאמִיר מַאכְן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פח): שַׁבָּת פַאר פֶּסַח וֶוען בַּיי אַלֶע אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶעם סֵדֶר, מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ - רוּפְט מֶען דֶעם שַׁבָּת: "שַׁבָּת הַגָּדוֹל"; דִי וָואךְ וֶוען אַלֶעס אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, מֶען דַארְף זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ צוּלִיבּ דִי סַכָּנָה פוּן קָארָאנֶע דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶעם שַׁבָּת אִיז אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, אַ "שַׁבָּת הַגָּדוֹל"; מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף אַ גַאנְץ שַׁבָּת טַאנְצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיס וַוייזְן טְרוֹיעֶר, אַדְּרַבָּה מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין דִי וַוייבּ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

זָארְג נִישְׁט, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין; עֶס קוּמְט שׁוֹין אָט אָט דִי יְשׁוּעָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען, עֶר וַוארְט צוּ זֶען וָואס מִיר טוּעֶן בְּעֵת צָרָה, צוּ וֶועמֶען וֶוענְדְן מִיר זִיךְ וֶוען מִיר הָאבְּן אַ צָרָה; אוֹיבּ מִיר וֶוערְן פַארְלוֹירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ מִיר פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא וָואס פִירְט דִי וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען דִי חֲדָרִים אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע'ס זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן, אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער

קַיין קאמְפּיוּטֶערס, טֶעבּלֶעטְס וְכַדוֹמֶה לָזֶה; עֶס קֶען אוֹיסְזֶען ווִי עֶס וֶועט זַיין גְרִינְגֶער, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין רוּאִיגֶער, אָבֶּער עֶס אִיז נָאר פַאר דִי פָּאר מִינוּט, שְׁפֶּעטֶער וֶועט נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם גוּטְס; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, הֶעלְפְן מַאכְן פֶּסַח׳דִיג דִי סְפָרִים, הֶעלְפְן מַאכְן פֶּסַח׳דִיג דִי הוֹיז - ווִי אֵיידֶער זֵיי אַיינְשְׁלֶעפְן מִיט דִי כֵּלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְן יִשּׁוּב הַדַעַת, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, דִי עֶרֶב יוֹם טוֹב טֶעג; מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט שִׂמְחָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן דֶעם עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ, כָּל אֶחָד בִּשְׁמוֹ הַטּוֹב יְבוֹרַךְ**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דִי צְוֶועלְפְטֶע יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְן גֶעעֶפְנְט דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה: ״יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה - הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב״; אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק אִיז מַמָּשׁ מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ח, ז): ״וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד״, דֶער אָנְהוֹיבּ וֶועט זַיין קְלֵיין אוּן דֶער סוֹף וֶועט זַיין זֵייעֶר גוּט; אִיר גֶעדֶענְקְט אַוַדַאי וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי אַלֶע יָארְן, רְדִיפוֹת אוּן הִתְנַגְדוּת אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה מִיט כָּל מִינֵי וֶועגְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן מִיר זֶענֶען דָאס אַלֶעס בֵּייגֶעקוּמֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה פוּן (שְׁמוֹת א, יב): ״וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ״, ווִי מֶער מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן, ״כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ״, אַלְץ מֶער הָאבְן זֵיי זִיךְ פַארְמֶערְט; מִיר הָאבְן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֵדֶר אִין אַמֶערִיקָא, אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, אַ בֵּית הַדְפוּס וואוּ מִיר דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים בְּלִי גוּזְמָא, אוֹיךְ הָאבְן מִיר גֶעעֶפְנְט דֶעם כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה וואוּ עֶס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אִינְגֶעלַייט בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

יֶעצְט הָאבְן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטֶעטְל ״קִרְיַת בְּרֶסְלֶב״; דָאס

אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, ווִי אַזוֹי מֶען בּוֹיט אַ שְׁטֶעטְל; וֶוער שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן? ווִי הָאט מֶען דִי כּוֹחוֹת צוּ בּוֹיעֶן אוּן בּוֹיעֶן אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן? מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט דֶעם סוֹד וָואס מִיר פַארְמָאגְן, מִיר הָאבְּן אַ צַדִיק וָואס הָאט זִיךְ גֶע'הַרְגְ'ט נִישְׁט אֵיין מָאל פַאר אוּנְז, נִישְׁט צְוֵויי מָאל; מוֹהַרָא"ש הָאט זִיךְ מִילְיָאן מָאל אוּן נָאךְ מֶער גֶע'הַרְגְ'ט פַאר אוּנְז אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, מֶען זָאל וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי תּוֹרָה, וִויסְן ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּצִיעֶן אַ שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

יֶעצְט מַאכְן מִיר דֶעם עֵירוּב אַרוּם דֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל, ווייל אִיךְ בֶּעטְן פוּן תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה, מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם עֵירוּב אַרוּם דֶעם שְׁטֶעטְל. אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, אֲפִילוּ פַאר דִי וָואס ווִילְן נִישְׁט הֶערְן (בִּיז דֶערְוַוייל) דֶעם וָוארְט שְׁטֶעטְל, מֶען טְרַאכְט אַז דָאס אִיז אַ דִמְיוֹן וְכוּ'; וֶוער עֶס ווִיל מִיר הֶעלְפְן אוּן הָאבְּן אַ זְכוּת אִינֶעם עֵירוּב, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכוֹת וָואס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען מַאכְט אַן עֵירוּב, בִּפְרַט אוֹיף קִינְדֶער; אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן יֵיטֶב לֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער, הָאט אִים דֶער יֵיטֶב לֵב גֶעזָאגְט עֶר זָאל הֶעלְפְן מַאכְן דֶעם עֵירוּב וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

אִיךְ שִׁיק דִיר מִיט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל עֶס קָאסְט מִיר צוּ מַאכְן דֶעם עֵירוּב, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ קֶענֶען נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה.

אִיךְ עֶנְדִיג צוּ מִיטְ'ן מָשָׁל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען כַאפְּן חַיוֹת מִיט זַיינֶע בַּאדִינֶער, פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, אַלֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן אַהֵיים גֵיין, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם קֶענִיג מֶען זָאל אַלֶעס אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן אַהֵיים גֵיין, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט אִיךְ בְּלַייבּ דָא כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ וָואס אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק כַאפְּן, אוֹיבּ אִיר ווִילְט קֶענְט אִיר אַהֵיים גֵיין, אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**זַייטְס זַייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶעם שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב,**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט דֶעם שַׁבָּת זַיין זַייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶער וִוי סְתַּם אַ וָואךְ, וַוייל עֶס פֶעלְט שִׂמְחָה אִין דִי וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס דִי נַייעֶס דֶערְשְׁרֶעקְט.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּם שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דִי שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דִי אַחְדּוּת אִין שְׁטֶעטְל, דִי שִׂמְחָה אִין שְׁטֶעטְל.

...

**טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע בַּאלִיבְּטֶע ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳,**

זֶעט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער אִידִישֶׁע נִיגוּנִים.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר הֶעלְפְּט מִיר.

...

**מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן טוּ תְּשׁוּבָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַ צַייט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז צֶעשָׁאקֶלְט פוּן דִי מַחְלָה וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם דִי וֶועלְט, דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע; דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן פַארֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים.

דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (פֶּרֶק א׳ מֵהִלְכוֹת תַּעֲנִית, הֲלָכָה ב): "וְדָבָר זֶה מִדַּרְכֵי הַתְּשׁוּבָה הוּא",

דָאס אִיז דִי וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "שֶׁבִּזְמַן שֶׁתָּבוֹא צָרָה וְיִזְעֲקוּ עָלֶיהָ וְיָרִיעוּ יֵדְעוּ הַכֹּל שֶׁבִּגְלַל מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים הוּרַע לָהֶן", וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה זָאל מֶען שְׁרַייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט דָאס כְּדֵי מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר זָאלְן פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יִרְמְיָהוּ ה, כה): "עֲוֹנוֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה וְחַטֹּאותֵיכֶם מָנְעוּ הַטּוֹב מִכֶּם", אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דָאס שְׁלֶעכְטְס, אוּן דִי זִינְד בְּרֶענְגְט דָאס שְׁלֶעכְטְס, "וְזֶה הוּא שֶׁיִּגְרֹם לָהֶם לְהָסִיר הַצָּרָה מֵעֲלֵיהֶם", דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי צָרָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ גֵייסְט זַיין עֶרְלִיךְ, דוּ גֵייסְט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב יֶעדְן טָאג; דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג אוּן עוֹסֵק זַיין אִין אַסַאךְ חֶסֶד, הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וִויפִיל דוּ קֶענְסְט. אוֹיךְ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ; דַיין וַוייבּ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת, זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז הֶעלְפְן אַז דִי צָרָה וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מִיר טוּעֶן תְּשׁוּבָה, מִיר פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס טָאר נִישְׁט קוּמֶען פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט; מִיר טָארְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע קָארָאנֶע אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס. עֶר וִויל אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אִים, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם, מִיר זָאלְן זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אִים, דִי קָארָאנֶע אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט קְלָאר אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ מַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף וֶועם זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוּנְז הֶעלְפְן אוּן וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶער נָבִיא זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ב-ד): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ", אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּט תְּשׁוּבָה, קֶערְט אַייךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אַשּׁוּר לֹא יוֹשִׁיעֵנוּ", קַיין שׁוּם פָּאלְק קֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן, "עַל סוּס לֹא נִרְכָּב", דִי גֶעוֶוער וֶועט אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן, "וְלֹא נֹאמַר עוֹד אֱלֹקֵינוּ לְמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ", מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס הֶעלְפְן, מֶען וֶועט נִישְׁט זָאגְן מִיר הָאבְּן אֵייגֶענֶע אָפְּגֶעטֶער, "אֲשֶׁר בְּךָ יְרֻחַם יָתוֹם", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אַלֵיינְס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

...

**זָאגְטְס אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; דִי וֶועלְט דַארְף אַייעֶר תְּהִלִּים, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ. מֶען הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶס זֶענֶען דָא גֶעוִויסֶע חֲסִידִים וָואס פִירְן זִיךְ צוּ לֵייגְן פַארְ׳ן גֵיין שְׁלָאפְן אוּנְטֶער זֵייעֶר קִישְׁן אַ פְלַאשׁ בְּרוֹינְפְן, אוּן וֶוען זֵיי וֶועקְן זִיךְ אוֹיף פְרֶעגְן זֵיי: ״מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דָא?״ דַאן הוֹיבְּן זֵיי אָן טְרִינְקֶען בִּיז זֵיי וֶוערְן שִׁיכּוֹר אוּן שְׁלָאפְן נָאכְאַמָאל אַיין, זֵייעֶר צוּגַאנְג אִיז אַז וִוילַאנְג מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא דַארְף מֶען אַיינְשְׁלֶעפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, וַוייל וֶוען מֶען שְׁלָאפְט זִינְדִיגְט מֶען נִישְׁט. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה; מֶען דַארְף לֵייגְן אַ ׳תְּהִלִּים׳ אוּנְטֶערְן קִישְׁן אוּן וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען זֶעט אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דָא זָאל מֶען אַפִּיר נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים, זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, וֶוערְטְס נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אַייךְ, מִיר לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַנְטְלוֹיפְטְס פוּן הֶערְן נֵייעֶס; וָואס דַארְפְט אִיר הֶערְן אַ צְוֵוייטְנְס צָרוֹת? עֶס וֶועט אַייךְ זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער אָן הֶערְן נֵייעֶס, פְּרוּבִּירְטְס עֶס אוֹיס, אִיר וֶועט זַיין רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן. רֶעדְטְס מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

**אוֹיבּ זִי וֶועט שֶׁערְן דִי הָאר, וֶועט זִי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ ווִיל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר, זִי ווִיל עֶס אָבֶּער נָאר טוּן אוֹיבּ אִיךְ זָאג אִיר צוּ אַ קִינְד בִּיז אַ יָאר; אוֹיבּ אִיךְ זָאג אִיר צוּ אַ קִינְד בִּיז אַ יָאר דֶעמָאלְט אִיז זִי מַסְכִּים זִיךְ הַיינְט אָפְּצוּשֶׁערְן, אָבֶּער אוֹיבּ אִיךְ גֶעבּ אִיר נִישְׁט אַן הַבְטָחָה וֶועט זִי עֶס נִישְׁט טוּן.

דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס דֶער נַאסוֹידֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן; עֶר פְלֶעגְט מַבְטִיחַ זַיין קִינְדֶער פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן, אַמָאל הָאט אִים אַ מְחוּצָּף גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, וָואס וֶועט זַיין טָאמֶער דִי בְּרָכָה וֶועט נִישְׁט מְקוּיָם וֶוערְן?" הָאט דֶער נַאסוֹידֶער רַב גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ וֶוערְן אוֹיס רָב, אוֹיס צַדִיק, אוֹיס בַּעַל מְקוּבָּל, אוֹיס נַאסוֹידֶער רָב, אַבִּי דִי פְרוֹי וֶועט זַיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן"; אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן צַדִיקִים גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן.

זָאג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, אִיךְ זָאג אִיר צוּ, אוֹיבּ זִי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִיר הָאר וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער צַדִיקִים.

...

## ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן דַאֲגוֹת.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, וָואס וֶוער עֶס טוּט דִי עֵצוֹת קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז שִׁכְחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה׳", אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

חַזֵר זִיךְ דֶעם מַאֲמַר הַחָכָם: "הֶעָבָר אַיִן, וְהֶעָתִיד עֲדַיִן, וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן,

דַאֲגָה מִנַּיִן", וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען - אִיז דָאךְ נִישְׁט וֶוערְד זִיךְ צוּ זָארְגְן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף פָארְאוֹיס, נִישְׁט שְׁלֶעפְּן מִיט זִיךְ דֶעם עָבַר.

אַז עֶס וֶוערְט דִיר גְרִינְגֶער וֶוען דוּ נֶעמְסְט מֶעדֶעצִין זָאלְסְטוּ אַוַדַאי נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זַיין רוּאִיג, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ נֶעמֶען דִי שַׁארְפֶע דְרָאגְס.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לִיבֶּער חָבֵר, פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַן עֵצָה; נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַ צָרָה אָן קַיין רְפוּאָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נח, ח): "אֵין מַכָּה בָּעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מַכָּה וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶעם אַ רְפוּאָה, "רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע - תְּשׁוּבָה", דֶער רְפוּאָה אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע אִיז תְּשׁוּבָה; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא הַיָּשָׁן וַיֵּרָא, סִימָן טז): "שֶׁאִם בְּיַד אָדָם כַּמָּה עֲוֹנוֹת וְהוּא שָׁב לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הוּא מַעֲלֶה עָלָיו כְּאִילוּ לֹא חָטָא", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּאִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

זַיי שְׁטַארְק מִיט זִיךְ; זָאלְסְט נִישְׁט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דְרָאגְס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ חַיִּים טוֹבִים.

...

### נוּץ אוֹיס דִי צַייט מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען אַלֶעס אִיז אָפְּגֶעשְׁפַּארְט, נִישְׁט דָא וואוּ צוּ גֵיין נִישְׁט דָא וואוּ צוּ קוּמֶען, אַלֶע זִיצְן אִין שְׁטוּב אוּן וַוארְטְן אוֹיף אַ נֵס, בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דֶער דֶרֶךְ הַלִּימּוּד גֵייט אָן, אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) דֶעמָאלְט דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט; מֶען קֶען זִיצְן אִין שְׁטוּב מִיטְ'ן מִשְׁנָיוֹת'ל, מִיטְ'ן חוּמָשׁ'ל, מִיטְ'ן גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען אָן אַ שִׁיעוּר.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, אַנְשְׁטָאט זִיצְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן זִיץ מִיטְ'ן מִשְׁנָיוֹת, מִיטְ'ן גְמָרָא; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען

דַארְף זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף אוּן זֶען וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער, וָואס הָאט מֶען; נָאר דָאס בִּיסְל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער אִין אַלֶע צַייטְן.

נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָשׁ אוּן הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; הַיינְט הוֹיבְּן מִיר אָן סֵפֶר וַיִּקְרָא, מֶען הוֹיבְּט אָן "וַיִּקְרָא" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערוּפְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "וַיִּקְרָא" הָאט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף, דָאס וַוייזְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער אַלֶף - דֶער אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיז אִיבֶּערָאל, עֶר אִיז אִין יֶעדֶע זַאךְ, נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל זִיךְ פִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיי בִּלְעָם אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַלֶף בַּיי בִּלְעָם, שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר כג, ד): "וַיִּקָּר אֱלֹהִים..." אַ לָשׁוֹן פוּן גְּנַאי, אַ לָשׁוֹן פוּן טֻמְאַת קֶרִי; וַוייל וֶוען מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אַלֶף, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז טוּמְאָה.

הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְט אַ סְגוּלָה צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְן דִי שְׁרֶעק פוּן קָארָאנֶע נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ צְוֵויי מָאל דִי פָּסוּק אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ וֶועט לֶעבְן לַאנְגֶע טֶעג אוּן לַאנְגֶע יָארְן; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

זוּכְסְט אַ פְּלַאץ וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן? נֶעם דִי בְּלַאט גְמָרָא; דָארְט אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

**קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף אַלֶע אִידְן, מִיר זָאלְן אָפְּקוּמֶען אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן אָפְּקוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, סִימָן ה): "מִי שֶׁאֵינוֹ יוֹצֵא

מִבֵּיתוֹ חָשׁוּב כִּתְפִיסָה", וָוער עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר זִיצְט אִין תְּפִיסָה; מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, עֶס אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים. אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ אוּנְז; עֶר גֶעבְּט אוּנְז אָן אַ שִׁיעוּר אוּמְזִיסְטִיגֶע גוּטְס, מִיר דַארְפְן קוּקְן אוּן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז, מִיר דַארְפְן אִים דַאנְקֶען אוֹיף דִי גוּטְס וֶועט עֶר אוּנְז בְּרֶענְגֶען נָאךְ גוּטְס.

...

זֶע צוּ גֵיין אִין מִקְוָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָאז דַיין וַוייבּ אַבִּיסְל גֵיין שְׁפַּאצִירְן; אֱמֶת מֶען דַארְף יֶעצְט זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט וְכוּ׳, אָבֶּער מֶען מֶעג אוּן מֶען דַארְף אַבִּיסְל אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי לוּפְט שֶׁעפְּן אַ פְרִישֶׁע אָטֶעם. בְּלַייבּ אַבִּיסְל אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַבִּיסְל אַרוֹיסְגֵיין כַאפְּן אִיר אָטֶעם פוּן זַיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער.

זוּכְסְט אַ סְגוּלָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי קָארָאנֶע, פוּן שְׁטַארְבְּן? נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ח.), נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְ'ן תַּרְגוּם, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן לַאנְגֶע טֶעג אוּן לַאנְגֶע יָארְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַ טֵייל שׁוּלְן הָאבְּן צוּרִיק גֶעעֶפְנְט דִי מִקְוָאוֹת, דִי רֶעגִירוּנְג לָאזְט גֵיין אִין מִקְוָה (מִיט גֶעוִויסֶע תְּנָאִים); זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוָה. הֶער נִישְׁט אוֹיס קֵיינֶעם, הֶער נִישְׁט צוּ דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן מִקְוָה וְכוּ׳, - וֶוען דִי גַאנְצֶע מַחְלָה קוּמְט נָאר פוּן דִי וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת, נִישְׁט פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים; קוּקְן טָאג אוּן נַאכְט סְטֶעטוּ"ס - דָאס בְּרֶענְגְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, מִקְוָה אוּן דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט נָאר רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז.

...

## הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ רֵיין.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

זַייטְס נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קָארָאנֶע; זַייטְס נִישְׁט בַּאזָארְגְט טְרַאכְטְנְדִיג: 'וָואס וֶועט זַיין?' וַוייל דִי זָארְג אוּן שְׁרֶעק אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה וִוי דִי מַחְלָה אַלֵיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): "לָא תַּעֵיל דַּוְיָא בְּלִבָּךְ, דְּגַבְרֵי גִּיבָּרִין קְטַל דַּוְיָא", נֶעם זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם הַארְצְן, וַוייל אַסַאךְ גִבּוֹרִים זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ גֶענוּמֶען צוּם הַארְצְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן דִי וָואס רֶעדְן אַייךְ צוּ צוּ קוֹיפְן אַ סְקְרִין פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען זַיין רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ; אִיךְ בֶּעט זִיךְ אוּן אִיךְ וֵויין צוּ אַייךְ, טוּטְס דָאס נִישְׁט, בְּרֶענְגְטְס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם מָאנִיטָאר, וִוידִיאוֹס אוּן פְּלֶעיס - אֲפִילוּ כָּשֵׁר'ע; דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי קָארָאנֶע.

עֶס אִיז שׁוֹין צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּוֶועקְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט אַ צָרָה נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים.

ווּאוֹיל אִיז דִי פְּרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי כֵּלִים; נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפְאוֹן, נִישְׁט קַיין טֶעבְּלֶעט אוּן נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט סָאשֶׁעל מִידְיֶע.

...

## מִיר וֶועלְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי קָארָאנֶע נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין סִיּוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה! דוּ הָאסְט זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנַיּוֹת אַזוֹי יוּנְג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא; בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט פַארְשְׁפַּארְט אַלֶע יְשִׁיבוֹת אוּן חֲדָרִים צוּלִיב דִי מַחֲלָה פוּן קָארָאנֶע, דַארְף דִי וֶועלְט הָאבְּן תּוֹרָה. זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט; קוּק נִישְׁט אוֹיב דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא אָדֶער דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, לֶערְן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

מִיר וֶועלְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי קָארָאנֶע נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא; גְמָרָא נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע קְלִפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים אוּן רוּחוֹת רָעוֹת.

...

### אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

זַייטְס נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְ'ן כְּבוֹד שָׁמַיִם זָאל אַלֶעס זַיין גוּט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֵוייניג, צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָּוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען

פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִילָה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

חַזֶר'ְטְס אֱמוּנָה; זִינְגְטְס נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה; רֶעדְטְס צוּ אַלֶעמֶען פוּן אֱמוּנָה - וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייךְ אַלֶע פְּחָדִים.

...

### 101 מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

הָאסְט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט מִיט דַיין בְּרִיוו וואו דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): "אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים, לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה וְאֶחָד", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ דִי שְׂכַר פוּן דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט מָאל אַ פֶּרֶק צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אַ פֶּרֶק.

אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת'עֶ אוֹיג זֶעט מֶען אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם. וואו אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דָא אַזַא זַאךְ, אַז אִינְגֶעלַייט, נִישְׁט סְתָם אִינְגֶעלַייט, נָאר פְּשׁוּט'עֶ פְּרָאסְטֶע אִינְגֶעלַייט וִוי מִיר אוּן דִיר, זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ

עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה?! וואוּ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז פְּרָאסְטֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וויל בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; פוּן וֶועם דַארְפְן מִיר זִיךְ שֶׁעמֶען??!

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט מִיר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "יוֹאֵל, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה פוּן קַיין שׁוּם יְשִׁיבָה אוֹיף דֶער וֶועלְט"; מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נַפְתָּלִי (וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ זִינְגֶען אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט): "נַפְתָּלִי, וָואס הָאבְּן מִיר זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען? בִּשְׁבִילֵנוּ נִבְרָא הָעוֹלָם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רטו)!"

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; לֶעבּ מִיט אִיר אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן אָן קַיין פְּרִישׁוּת. גֶעדֶענְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, אִין שׁוּל, אִין כּוֹלֵל, אִין אַרְבֶּעט אוּן אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ וְכוּ', וְכוּ'.

...

**אִין זְכוּת פוּן שֶׁערְן דִי הָאר, וֶועט אִיר הָאבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

זַייטְס נִישְׁט פַאר'דַאֲגָה'ט; אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער, אִיר וֶועט הָאבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, בִּזְכוּת אַייעֶר שְׁטַארְקֵייט, אַייעֶר דְרֵייסְטְקֵייט וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר אִין דִי צַייט וָואס אַלֶע אַייעֶרֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער גֵייעֶן בִּיז דֶערְוַוייל מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע הָאר.

אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דִי צַדֶּיקֶת קִמְחִית; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא מז.): "שִׁבְעָה בָּנִים הָיוּ לָהּ לְקִמְחִית", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קִמְחִית, זִי הָאט גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, "וְכֻלָּן שִׁמְּשׁוּ בִּכְהוּנָּה גְדוֹלָה", אוּן אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְדוֹלִים. "אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂית שֶׁזָּכִיתָ לְכַךְ?" הָאבְּן דִי חֲכָמִים אִיר גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם? "אָמְרָה לָהֶם: מִיָּמַי לֹא רָאוּ קוֹרוֹת בֵּיתִי קַלְעֵי

שַׁעֲרֵי", הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי וֶוענְט און דִי דַאךְ פון מַיין הוֹיז זָאלְן נִישְׁט זֶען מַיין הָאר.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן; וָואס אִיר דַארְפְט בֶּעטְס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

...

## אַ סִיוּם הַשַּ״ס בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ״ט אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ גֵייסְט מַאכְן אַ סִיוּם הַשַּ״ס בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ פַּאסִיגֶע צַייט צוּ מַאכְן דֶעמָאלְט דֶעם סִיוּם הַשַּ״ס, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זֶען וִוי אַ יוּנְגֶער בָּחוּר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן. דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם, פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן יא): וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, הָאבְּן אִים דִי כִּישׁוּף מַאכֶער׳ס גֶעפְרֶעגְט: "תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?" דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען אִידְן וָואס זֶענֶען עֲפָרַיִם אַזוֹי וִוי עֶרְד - אוֹיף זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵיגָה, און אִין זֵיי ווִילְסְטוּ אַרַיין בְּרֶענְגֶען 'תֶּבֶן' - גֶעטְלִיכְקֵייט?! הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָמְרֵי אִנְשֵׁי: לְמָתָא יַרְקָא, יַרְקָא שְׁקֵל", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "יָא, מֶען קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז טִיף אִין דֶער עֶרְד; עֶר לִיגְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁטִיק 'עָפָר', און אִים צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת", אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אָמְרֵי אִנְשֵׁי" - זָאגְן און זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "יַרְקָא" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תְּשׁוּבָה, עַיֵּין שָׁם.

יֶעצְט וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שַׁ״ס זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא און דָאס לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, אַזוֹי וִוי

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו אַפָּאר שָׁעָה פַאר'ן הִסְתַּלְּקוּת וואו עֶר בֶּעט אַלֶע בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מֶען זָאל נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא און דָאס לֶערְנֶען מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד פַאר זַיין נְשָׁמָה, אִיךְ בְּרֶענְג דִיר אַרָאפּ דֶעם בְּרִיוו, דֶעם לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר שָׁעָה פַאר'ן הִסְתַּלְּקוּת:

"שָׁלוֹם וּבְרָכָה לִינִיקֵי הַצֹּאן הַתַּלְמִידִים הַיְקָרִים אֶצְלִי אֵלוּ שֶׁלּוֹמְדִים בְּמִסְגֶּרֶת "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" בְּ"בֵּית מְנַחֵם" וְכֵן בְּ"בֵּית שְׁלֹמֹה" וּבְ"תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה"

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אוֹיבּ אִיר ווִילְט עֶפֶּעס טוּן פַאר מַיין זְכוּת, זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן עֶנְק נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא, סַיי וֶועלְכֶע מַסֶכְתָּא גְמָרָא אִיר ווִילְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיין וָואס אִיר וֶועט נֶעמֶען עֶפֶּעס אַ מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּער'חַזְרְ'ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועט אִיר מִיר אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען אַזוֹי הוֹיךְ וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיסְמָאלְן אוּן אָפְּשַׁאצְן בִּכְלָל.

דֶערִיבֶּער אִיז דָאס מַיין בַּקָשָׁה פוּן אַייךְ, אַז אִיר זָאלְט אִיבֶּער'חַזְרְ'ן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אוּן מַזְכִּיר זַיין מַיין נָאמֶען, אוּן מִיט דֶעם וֶועט אִיר מִיר אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען הוֹיךְ הוֹיךְ.

אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַבְר'ן מִיט קַיין שׁוּם בָּחוּר וָואס גְלִיטְשְׁט לֵיידֶער אַוֶועק.

אִיר זָאלְט קוּמֶען כְּסֵדֶר צוּ מַיין קֶבֶר מִתְפַּלֵל צוּ זַיין דָארְטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְטְן, אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה דָארְט, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר דֶעם. אִיךְ וֶועל אַוַודַאי הֶערְן אַלֶעס וָואס אִיר בֶּעט, אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן אַייעֶר ווִילְן.

נָאר נֶעמְט אַייךְ פָּאר צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, אוּן אִיר זָאלְט זַיין גֶעוואוֹינְט צוּ קוּמֶען בַּיי מַיין קֶבֶר אוּן אִיךְ וֶועל עֶרְפִילְן אַייעֶר גֶעבֶּעט פוּן אַייעֶר הַארְץ צוּם גוּטְן".

דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם, דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

גֶעבּ אַ גְרִיס פַאר דַיין טַאטֶע; זָאג אִים אַז אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אִים, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

...

### פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּבֵית שֶׁמֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין אַ פַּחַד אוּן בֶּהָלָה דַארְפְן מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים וָואס בַּארוּאִיגְט אוּן הֵיילְט אוֹיס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, נֶעמְט קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, דָאס לֶעבְּט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם אִין יֶעדְן מַצָּב.

פַארְבִּינְדְט אַייךְ מִיט דִי מְפִיצִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם, זֵיי הָאבְּן יֶעצְט גֶעדְרוּקְט טוֹיזְנְטֶער קוּנְטְרֵסִים "וִירוּס הַקּוֹרוֹנָה"; וֶוער עֶס לֵיינְט דֶעם קוּנְטְרֶס וֶוערְט בַּארוּאִיגְט אוּן פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט פוּל מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### זֶע צוּ וֶוערְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט אֱמוּנָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן רוּפְן מִיר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיבּ אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט דִי מַחְלָה קָארָאנֶע ה' יְרַחֵם; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט פַאר פוּפְצְן יָאר צוּרִיק מִיט אֱמוּנָה, מִיט מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִיךְ שְׁטֶעק אָן אַלֶעמֶען מִיט דֶעם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי אָנְשְׁטֶעקֶענִישׁ פוּנֶעם צַדִּיק אוּן אִיךְ זָאל אַרִיבֶּער פִירְן דִי אָנְשְׁטֶעקֶענִישׁ פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי אָנְשְׁטֶעקֶענִישׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ קֶען מֶען אִיבֶּער כַאפְּן אֲפִילוּ אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְצוּקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, זָאלְסְטוּ רוּפְן "קוֹל אֱמוּנָה" אוּן הֶערְן דִי חִיזּוּקִים, אַזוֹי וֶועסְטוּ כַאפְּן דִי אָנְשְׁטֶעקֶענִישׁ, דִי אֱמוּנָה; עֶס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין דִיר דִי אֱמוּנָה אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט,

דוּ וֶועסְט לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

אַ מֵפִיץ דֶערְצֵיילְט מִיר אַז נֶעכְטְן בַּיי הַפָּצָה הָאט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אַ גַאנְץ יָאר פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן קָארָאנֶע", יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען דִי סְפָרִים, עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, זָאגְט אִים דֶער מֵפִיץ: "יָא, יָא, בְּרֶסְלֶב אִיז אַזוֹי וִוי דִי קָארָאנֶע, אַזוֹי וִוי דִי קָארָאנֶע גֵייט פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בִּיז דֶערְוַוייל אָפְּשְׁטֶעלְן, אַזוֹי אִיז בְּרֶסְלֶב"; וֶוען אֵיינֶער וֶוערְט אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט בְּרֶסְלֶב פִירְט עֶר דָאס וַוייטֶער פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוּן מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען אָפְּשְׁטֶעלְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי פַארְלוֹירְן זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ אֲשֶׁר בְּנַחַל אוּן הֶערְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן.

...

## שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַבִּיסְל אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ שְׁפַּאצִירְן; אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען מֶען דַארְף זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיצְן אִין שְׁטוּבּ טָאג אוּן נַאכְט, פוּן זִיצְן אִין שְׁטוּבּ קֶען מֶען בַּאקוּמֶען עֶרְגֶערְס פוּן קָארָאנֶע, מֶען מֵיינְט צוּ זָאגְן מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַנְדֶערֶע, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט אַלֵיינְס אַבִּיסְל אַרוּם דִי גַאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג.

זַיי פְרֵיילִיךְ; מִיט שִׂמְחָה וֶועלְן מִיר מְבַטֵל זַיין דִי קָארָאנֶע אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחְלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "בִּשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִין הַשִּׂמְחָה וְהָרִקּוּדִין חוֹלָה", דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אָן טַאנְצְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיטְ'ן לָשׁוֹן פוּן חוֹלֶה, "כִּי הֵם תִּקּוּן הַחוֹלַאַת", וַוייל טַאנְצְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ הֵיילְט אוֹיס אַלֶע קְרֶענְק.

יֶעצְט אִין דִי טֶעג וָואס מִיר דַארְפְן פּוֹעֵל'ן אַ רְפוּאָה פַאר דִי וֶועלְט, נֶעם אַ

לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה (שָׁם): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. און דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, און שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יִסוּרִים.

מֶענְטְשְׁן רוּפְן מִיר פְרֶעגְן צִי אִיךְ בִּין אָנְגֶעשְׁטֶעקְט גֶעוָוארְן מִיט דִי קָארָאנֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, אִיךְ בִּין אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ בִּין אָנְגֶעשְׁטֶעקְט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

זַיי פְרֵיילִיךְ.

...

### מִיר לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן, לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען צוּ וֶועם מִיר וֶועלְן זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

יֶעצְט דַארְפְן מִיר נוּצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וָואס מִיר הֶערְן אַ גַאנְץ יָאר; יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ נוּצְן דִי אוֹצְרוֹת און טֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע דֶערְפוּן.

פַּארְגֶעס נִישְׁט: "מִיר לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; נִישְׁט קָארָאנֶע הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען דַארְף נָאר גֵיין צוּ אִים און אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן.

נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן; אַ שָׁאד צוּ שְׁטֵיין אוּן פְּלוֹישְׁן אוּן רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן דִי קָארָאנֶע, עֶנְדֶערְשׁ זָאג אַ שְׁטִילֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אוּנְז, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶע וָואס לִיגְן אִין בֶּעט נִישְׁט גֶעזוּנְט, אַלֶע חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיק אוּנְז אַ רְפוּאָה, נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶענְסְט אוּנְז הֶעלְפְן, אַלֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶע הֶערְצֶער קוּקְן נָאר צוּ דִיר, אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן דוּ זָאלְסְט אוּנְז הֶעלְפְן".

הַיינְט נַאכְט אוּם נֵיין אַזֵייגֶער וֶועט פָּארְקוּמֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן; הֶיוֹת מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְקוּמֶען וֶועט מֶען קֶענֶען מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אוֹיף "קוֹל אֱמוּנָה".

...

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין מִיט דִי סְקוּל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיטְ'ן סְקוּל אִין שְׁטֶעטְל; דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אָפּ מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דִי לֶערֶערִינְס טָאג אוּן נַאכְט מִיט אַזוֹיפִיל הַארְץ אוּן גֶעטְרֵייִשַׁאפְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ זָאלְסְט וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן אַז אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט קֶען מֶען נִישְׁט שִׁיקְן דֶעם קִינְד אִין סְקוּל אוּן נִישְׁט אִין חֵדֶר; אִיךְ הֶער זָאגְן אַז עֶס זֶענֶען דָא אוּמְ'אַחְרַיוּת'דִיגֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין סְקוּל אוּן אִין חֵדֶר מִיט הִיץ, זֵיי טְרַאכְטְן נָאר פוּן זִיךְ, זֵיי טְרַאכְטְן נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן אַז דָאס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר אַנְדֶערֶע.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זֶען עֶלְטֶערְן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין סְקוּל אָדֶער חֵדֶר מִיט הִיץ (פִיבֶּער) וֶועלְן מִיר אַהֵיים שִׁיקְן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַאר אַ גַאנְצֶע וָואךְ, מִיר וֶועלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

שְׁטַארְק זִיךְ; שְׁטַארְק דִי מֵיידְלֶעךְ, שְׁטַארְק דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן בְּרֶענְג אַרַיין חַיוּת אִין אַלֶע פְּרוֹיעֶן פוּן שְׁטֶעטְל. וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּ אַנְדֶערֶע דִיבּוּרֵי חִיזּוּק וֶוערְט מֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

...

## אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים; וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן הָאט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, דִי אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי קְלָאר, מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס.

יֶעצְט וֶוען דִי וֶועלְט אִיז אִין אַזַא שְׁרֶעק זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח׳, אוֹת ח): ״וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ׳שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת׳״, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, ״כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה״, וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; דָאס בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, אַלֶע קַשְׁיוֹת, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים גֵייעֶן אַוֶועק אוּן דִי אֱמוּנָה שַׁיינְט אוּן לַייכְט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַן אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת.

זָארְגְט נִישְׁט פוּן וואוּ אִיר וֶועט הָאבְּן אוֹיף צָרְכֵי פֶּסַח, אַלֶע וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זָארְגְן וֶוען מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, פְרֵיילִיכֶע אִידְן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען אָפְּרֶעדְן צוּ אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: ״אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?״ מֶען זֶעט בְּחוּשׁ אַז וֶוען עֶס קוּמְט אָן דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט לְמַעֲשֶׂה

יֶעדֶער אֵיינֶער וֵויין, מַצּוֹת און כָּל טוּב וְטוּב; אִידְן פַארְטֵיילְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער פַאר צְדָקָה, מֶען טֵיילְט מַצּוֹת און אַלֶע סָארְטְן עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, אָבֶער ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?" ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּה-סָח - דָאס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן צוּ דִיר און גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַ רֵיינֶע מֹחַ און אַ רֵיינֶע הַארְץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע אֵבָרִים זֵיי זָאל נִישְׁט זַיין חָמֵץ'דִיג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע".

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ אַייךְ, מַיין הַארְץ אִיז מִיט אַייךְ; בִּפְרַט מִיט דִי מְפִיצִים וָואס רוּעֶן נִישְׁט, נָאר גֵיין טָאג און נַאכְט פַארְשְׁפְּרֵייט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה; מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פְרֶעגְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט און מִיר ווִילְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מִיר ווִילְן נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט און ווִיל.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אַלֶע אִין הַפָּצָה; יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע וֶועלְן נֶעמֶען דִי סְפָרִים, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְלוֹירְן, מֶען זוּכְט אַבִּיסְל חִיזוּק, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט חִיזוּק.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס

הָאט אֱמוּנָה אִיז אִים דָאס לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם־כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן. וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל־יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא. דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט, עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז אַ דִּמְיוֹן. דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען דֶער יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער חָבֵר שִׁמְעוֹן עֶנְדְצְוֵוייג עָלָיו הַשָּׁלוֹם; עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא, יֶעצְט אִיז אִים גוּט, יֶעצְט הָאט עֶר מְנוּחָה, עֶר זִיצְט אוֹיבְן אִין גַּן עֵדֶן אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט אַריין גֶעכַאפְּט דִי צְוֵויי יָאר אִין יְשִׁיבָה; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַריין כַאפְּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים וֶועסְטוּ הָאבְּן וָואס מִיט צוּ נֶעמֶען.

...

**מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצָה וֶועלְן מִיר מְבַטֵל זַיין אַלֶע מַחְלוֹת אוּן חֲלָאִים רָעִים.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - א' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ רְפוּאָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען אוּנְזֶער מוֹיל צוּ אִים, מֶען זָאל זִיךְ וֶוענְדְן צוּ אִים, אִים בֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, דָאס מִיר זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אַז מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט; מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין אַ מַצָב וָואס אַלֶע זֶעעֶן ווִי דֶער (דְבָרִים ח, יז): "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי" אִיז צֶעזֶעצְט אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְט, נִישְׁט דָא אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן; יֶעדֶער אִיז מוֹדֶה אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי מַחְלָה קָארָאנֶע. אַלֶע שְׁטַארְקֶע לֶענְדֶער, אַלֶע מֶעכְטִיגֶע לֶענְדֶער שְׁטֵייעֶן פַארְלוֹירְן אוּן זָאגְן אָפְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֵצָה, אַלֶע זָאגְן מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל (סוֹטָה מט): "עַל מִי לָנוּ לְהִשָּׁעֵן? עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמָיִם", נִישְׁט דָא אוֹיף וֶועם זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

קוֹיף זִיךְ אֵיין מַצָה, קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט; מֶען דַארְף צָאלְן גֶעלְט פַאר אַ מִצְוָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת, קכח.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כה, ב): "וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי - הַאי מַאן דְּבָעֵי לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּמִצְוָה, וּלְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אִצְטְרִיךְ דְּלָא יִשְׁתָּדֵּל בֵּיהּ בְּרֵיקָנַיָּיא וּבְמַגָּנָא, אֶלָּא אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ כַּדְקָא יֵאוֹת כְּפוּם חֵילֵיהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה דַארְף מֶען בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵין שָׁם.

מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַצָה וֶועלְן מִיר מְבַטֵל זַיין אַלֶע מַחְלוֹת אוּן חֲלָאִים רָעִים; מַצָה אִיז אַ מֶעדֶעצִין, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רוּפְט דָאס אָן (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.): "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; ווַייל דוּרְךְ מַצָה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה. ווִידֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) רוּפְט עֶס דֶער זוֹהַר אָן: "מֵיכְלָא דְּאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; מַצָה הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ. מוֹהַרְנַ"ת

זָאגְט אַז מִיט'ן רֶבִּינְ'ס װערְטֶער אִיז דָאס אֵיין זַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען עֶסְט מַצָּה אוּן עֶס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי לִיכְטִיגֶע טֶעג, מִיר זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, אוּנְזֶער קַטְנוּת הַדַּעַת; מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

...

**לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין ווילְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין ווִילְן, אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער ווֶעלְן זַיין גוּט.

כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט וֶועלְן, בֶּעטְן אוּן גְלִיסְטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּם דֶעם. אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיט'ן רֶבִּינְ'ס מְחוּתָּנִים, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִוָואלְטְשִׁיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מֵחַמֶעלְנִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער רָב הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פֶערְצִיג יָאר הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וֶוען דֶער חַמֶעלְנִיקֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלַאכְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס בֶּעטְן עֶר אַזוֹי סַאךְ אוּן וָואס אִיז עֶר אַזוֹי מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם? אַז מֶען ווִיל פָארְן נֶעמְט מֶען גֶעלְט אוּן מֶען פָארְט!" וֶוען מֶען הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר'ן רֶבִּי'ן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיר וֶועט זֶען אַז דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער רָב - ווִיבַּאלְד עֶר בֶּעטְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - וֶועט צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִידֶער דֶער חַמֶעלְנִיקֶער רַב - וָואס זָאגְט אַז מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָארְט - וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", אוּן אַזוֹי

איז טַאקֶע גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן; ווִילַאנְג אַ מֶענְטְש וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְש בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּענְקְט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

...

### שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וֶועט אִיר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת; אִיר הָאט שׁוֹין אַסַאךְ שְׁוֶועְרֶע מַצָּבִים אִיבֶּערְגֶעטְרָאגְן, יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן אוֹיפְהֵייבְּן הֶענְט, יֶעצְט דַארְף מֶען זַיין אַ הֶעלְד. מֶען דַארְף אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, מֶען טָאר נִישְׁט קְרֶעכְצְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חָשׁוּב'עֶ בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ הֶעלְדִישֶׁע פְרוֹי, זִי הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי קְרִיג נָאר וַוייל זִי הָאט גֶעוָואלְט. זִי פְלֶעגְט אוּנְז זָאגְן יֶעדֶע מָאל מִיר זֶענֶען אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן: "אִיר וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דֶעם קְרִיג? נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֶעבְּן; אַלֶע זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אוּן אִיךְ לֶעבּ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֶעבְּן"; זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ דִי לֶעצְטֶע יָארְן, אָבֶּער זִי פְלֶעגְט אַלְץ וַוייזְן אַ פוֹיסְט אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל כֹּחַ".

מַאכְטְס אַ פוֹיסְט - אַ סִימָן פוּן שְׁטַארְקֵייט אוּן זַייטְס אַ הֶעלְדִישֶׁע מַאמֶע; וֶוערְטְס נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט, אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער - אַלֶע וֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיסְרוּימֶען דֶעם חָמֵץ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהַרְנַ״ת פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי דָוִד מִמִּיקוֹלַייב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעפָארְן מַאכְן וויין פַאר׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב; עֶר הָאט עֶס אַלֵיינְס גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים אוּן מִיט אַלֶע בְּחִינוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳. אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים גְרֶענִיץ אוּן דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם פַאס וויין אוּן עֶס דוּרְכְדֶעם גֶעמַאכְט יֵין נֶסֶךְ. רֶבִּי דָוִד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפְרֶעגְט: ״הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן לְטוֹבָה?״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן״, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: ״אָן תְּפִלָּה קֶען דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְן, אָבֶּער אָן תְּפִלָּה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט״.

יֶעצְט וֶוען מִיר רוּימֶען אוֹיס דֶעם חָמֵץ דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט חָמֵץ חַס וְשָׁלוֹם אוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיס צוּ רוּימֶען דֶעם חָמֵץ אוּן צוּ אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

בְּנוֹגֵעַ חוּמְרוֹת וְכוּ׳; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן בְּאוֹפֶן כְּלָלִי, פוּן אֵיין זַייט הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיט חוּמְרוֹת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעעֶן מִיר אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעבְּרָאקְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, נָאר אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, דֶערִיבֶּער אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וִוי אַזוֹי דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ; דוּ, דַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן פָּנִים בְּפָנִים אִין דִי טֶעג, אַלֶע זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ שְׁרַייבְּן אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁרַייבְּן; אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן פוּן דִיר בִּכְתַב וָואס דוּ מַאכְסְט.

...

### ווֶעלְכֶע סָארְט תְּכֵלֶת זָאל מֶען נוּצְן אוֹיף דִּי צִיצִית?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר,

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיװ דִיר מְחַזֵק זַיין אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט; בִּיסְט עוֹסֵק אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, וִוי מֶער מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט אַלְץ נֶענְטֶער קוּמֶען מִיר צוּ דִי גְאוּלָּה שְׁלֵימָה, וַוייל דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים הָאבְּן אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ׳ן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים בְּיֶתֶר שְׂאֵת; דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן, דָאס אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי מַעֲשִׂים וָואס מִיר דַארְפְן פַארֶעכְטְן. וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): ״תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פְּגַם גֶעוֶוען ווִי צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה.

בְּנוֹגֵעַ אָנְטוּן תְּכֵלֶת; מוֹהַרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט צוּ גֵיין מִיט תְּכֵלֶת וַוייל רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט תְּכֵלֶת. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קַבָּלָה פוּן זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״פוּן מִיר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין נַייעֶס״, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״אָה תְּרַחֵם, אָה תְּרַחֵם״; דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם: ״אָה תְּרַחֵם״, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער רַאדְזִינֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַנְפְּלֶעקְט דִי תְּכֵלֶת אִין יָאר תרח״ם הָאט זִיךְ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטְרָאפְן מִיט אִים אוּן דֶערְבַּיי אָנְגֶענוּמֶען דֶעם עִנְיָן פוּן גֵיין מִיט תְּכֵלֶת. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט מִיטְ׳ן: ״אָה תְּרַחֵם״, עֶס וֶועט זַיין אֵיין פְרִישֶׁע זַאךְ, דִי זַאךְ פוּן תְּכֵלֶת.

אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי אַבְרָהָם ז"ל, אַלֶע גֵייעֶן מִיט תְּכֵלֶת.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִישְׁט מְשֻׁנֶּה וָואס פַאר אַ תְּכֵלֶת מֶען גֵייט, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן שַׁעַטְנֵז בַּיי צִיצִית; דֶער עִיקָר אַז מֶען גֵייט מִיט תְּכֵלֶת וָואס דָאס דֶערְמַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מג:) פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן גֵיין מִיט תְּכֵלֶת? "מִפְּנֵי שֶׁהַתְּכֵלֶת דּוֹמֶה לַיָּם", דֶער קָאלִיר פוּן תְּכֵלֶת דֶערְמַאנְט פוּנֶעם יַם, "וְיָם דּוֹמֶה לָרָקִיעַ", אוּן דֶער קָאלִיר פוּנֶעם יַם דֶערְמַאנְט פוּנֶעם הִימְל, "וְרָקִיעַ לְכִסֵּא הַכָּבוֹד", אוּן דִי הִימְל דֶערְמַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים אוּן רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### זַיי מְחַזֵּק דַיין מִשְׁפָּחָה נָאךְ דִי טְרַאגֶעדִיֶע.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בִּיטֶערֶע נַייעֶס אִיבֶּער דִי פְּטִירָה פוּן דַיין טַאטְן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דָא אַפָּאר טְרֵייסְט וֶוערְטֶער, "הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם".

יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס דוּ דַארְפְּסְט וַוייזְן שְׁטַארְקֵייט פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, בִּפְרַט פַאר דַיין מַאמֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט. דוּ דַארְפְּסְט מְחַזֵּק זַיין אַלֶעמֶען מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר טוּט נָאר גוּטְס. מִיר אִידְן גְלֵייבְן אִין צְוֵויי וֶועלְטְן, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'גֶעשְׁטָארְבְן', בַּיי אוּנְז אִיז דָא נָאךְ אַ לֶעבְן אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן. אַ אִיד הָאט אַ נְשָׁמָה וָואס גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָארְט בַּאקוּמְט זִי שְׂכַר פַאר יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט שְׂכַר פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ טוּעֶן וַוייטֶער. אַזוֹי זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער: "זֵיידִי אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְן, זֵיידִי אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל, אִין גַן עֵדֶן"; בַּיי גוֹיִם שְׁטַארְבְּט מֶען, בַּיי אוּנְז אִידְן אִיז דָא צְוֵויי וֶועלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי דֶער רוּקְן בַּיין פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, בִּפְרַט פַאר דַיין טַייעֶרֶע מַאמֶע; רֶעד דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט אוּן אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דַיין טַאטְנְ'ס נְשָׁמָה.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעמַאכְט נִיסִים, אוּן עֶר וֶועט אַייךְ אוֹיךְ וַוייטֶער הֶעלְפְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַייךְ, דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען דִי נֵס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט אַייךְ נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

פַארְוָואס זָאלְט אִיר זָארְגְן אוּן זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד זַאכְן פוּן וָואס צוּ וֶוערְן מְבוּלְבָּל? פַארְוָואס זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן אַז אִיר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין זְכוּתִים ווייל אַלֶע זְכוּתִים הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט יֶעצְט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַייךְ? אֲפִילוּ אִיר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט אַלֶע אַייעֶרֶע זְכוּתִים קֶענְט אִיר אִין אֵיין רֶגַע זוֹכֶה זַיין צוּרִיק הָאבְּן אַזוֹיפִיל זְכוּתִים, יֶעדֶע רֶגַע וָואס מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוערְד מֶער פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, גָאלְד אוּן זִילְבֶּער וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, יז): "יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה, מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא", עֶס אִיז מֶער וֶוערְד אֵיין מִינוּט תְּשׁוּבָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶער פוּן אַלֶעס אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "וְיָפָה שָׁעָה אַחַת שֶׁל קוֹרַת רוּחַ בָּעוֹלָם הַבָּא, מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אֵיין מִינוּט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז מֶער פוּן

אַלֶע גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט; זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אִין אֵיין רֶגַע, אִין אֵיין מִינוּט אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן זַייט אַייךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַזַא אוּמְגְלִיק, אִיר הָאט גֶעהַאט אַזַא אָפֶּענֶע נֵס זָאלְט אִיר נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַאר אַלֶעמֶען דִי גְרוֹיסֶע נֵס, וֶועט אִיר זֶען נָאךְ נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר קוּמֶען נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּנֶעם יוֹם טוֹב.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצּוֹת, אִין דִי הֵיילִיגֶע כַּזֵּיתִים**"; אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן - דִי סוּכָּה; אַ גַאנְצְן עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף דִי סוּכָּה, עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן שְׁטַארְק. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,

הַטְעִמֵינוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ דָאס נָאכְמַאכְן, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע מַצּוֹת, אִין דִי הֵיילִיגֶע כַּזֵיתִים"**, וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט הָאבְן אַן אַנְדֶערֶע פֶּסַח.

יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָן לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז אַן אֵייבִּיגֶע פַארְלוּסְט. הֵייבּ אָן הַיינְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, הַיינְט אִיז דִי בְּלַאט מַסֶכֶת שַׁבָּת דַף ל; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:) "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אריז"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה) וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן

לוֹיט דִי וֶועג וְוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתַּם חוּמְרוֹת, אָבֶער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הַדִּוּרִים וְכוּ׳, אַזוֹי וְוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי׳ וְכוּ׳", מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵק זַיין אָן קַיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַאי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת; עַיֵין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ׳ אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?׳ דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט גֶעוֶוען "קְוַואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיין".

מוֹהַרְאַ"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען מַאכְט פֶּסַח'דִיג אַז שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קָרְבַּן פֶּסַח".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## הֶעלְף אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶעלְף דַיין וַוייבּ אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח. הֶעלְף מִיט שִׂמְחָה, הֶעלְף מִיט אַ גֶעשְׁמַאק; וַוייל מִיט יֶעדֶע פְּלָאג וָואס מֶען פְּלָאגְט זִיךְ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב בַּאשַׁאפְט מֶען מַלְאָכִים אִין הִימְל. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן פֶּסַח'דִיג, פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשֶׁר'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר". אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז קַשְׁרַ"ק וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת תְּקִ'יעָה שְׁ'בָרִים תְּ'רוּעָה תְּקִ'יעָה, אִיז אוֹיךְ דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן קְ'רַאצְן שַׁ'ארְן רַ'ייבְּן כַּ'שֶׁר'ן"; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס חַס וְשָׁלוֹם אוּן מַאכְן אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח) אַז דוּרְךְ כַּעַס שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ דִי פַּרְנָסָה.

זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אִיר, אַ שָׁאד אַרַיין צוּ גֵיין אִין יוֹם טוֹב נִישְׁט בְּשָׁלוֹם. בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אִיר, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט. יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן אַרוֹיס גֵיין לְחֵרוּת, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אַלֶע קַטְנוּת, פוּן אַלֶע מַחְלוֹקוֹת; מִיר לָאזְן אִיבֶּער פַּרְעֹה, מִיר לָאזְן אִיבֶּער דִי מִצְרִיִים, מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

שׁוֹין צַייט אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם רִיכְטִיגְן חָמֵץ - דִי גַאֲוָה, דָאס זִיךְ גְרוֹיסְהַאלְטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### דִי מִצְוָה פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט הָאבְן מִיר דִי מִצְוָה פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ. דִי הֲלָכָה אִיז אַז וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן; מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן, מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען - ווִילַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵּם דִי מִצְוָה פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ.

גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב דַארְף מֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ דִי מִצְוָה פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ. מֶען פִירְט זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אַרוּם דִי שְׁטוּב; עֶס לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט טְרֶעפְן אַלֶע צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ זָאגְט מֶען דֶעם: "כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְּאִכָּא בִרְשׁוּתִי", דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז מֶען זָאל דָאס אוֹיךְ זָאגְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט: "אַלֶע חָמֵץ אוּן אַלֶע זוֹיעֶרְטֵייג וָואס אִיז דָא אִין מַיין רְשׁוּת וְכוּ'"; נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דֶעם יְהִי רָצוֹן וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין דִי הַגָּדָה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אוּנְז אַ גַאנְץ יָאר.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; רוּף זֵיי אָן, פְרֶעג זֵיי צִי זֵיי דַארְפְן עֶפֶּעס הִילְף פַאר יוֹם טוֹב. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...